# שטריכן צו דער ביאָגראַפיע פון ישראל שטערן

(געבוירן 1894 — אומגעקומען אין וואַרשעווער געטאָ צווישן 1940—1943)

ישראל שטערן איז געבוירן געוואָרן אין דעם שטעטל אָסטראָ־לענקע, לאָמזשער גובערניע, אויף דער גרענעץ צווישן קאָנגרעס־פוילן און ליטע. אַ ברייטער טייך, דער נאַרעוו, האָט אַרומגערינגלט דאָס שטעטל. דענקמעלער פון פאַרצייטישע מלחמות זיינען געשטאַנען אויף די אַרומיקע פעלדער. די באַלמעלאָכעס פון שטעטל האָבן גע־האַרעוועט אַ גאַנצע וואָך און פאַרטיק געמאַכט קליידער, שיך און היטלען פאַר די אַרומיקע פויערים, וואָס זיינען צוויי מאָל אַ וואָך, מיטוואָך און פרייטיק, אָנגעפאָרן צו די מאַרק־טעג. אויף די זעלבע מאַרק־טעג האָבן אויך אַרויסגעקוקט די קרעמער פון שטעטל.

ווי שטערן אַליין האָט אָנגעגעבן אין זיין ענטפער אויפן פרעג־בויגן פון זלמן רייזען פאַר זיין „לעקסיקאָן פאַר דער יידישער ליטע־ראַטור און פרעסע", איז ער געבוירן געוואָרן „שבועות־צייט" פון יאָר 1894. דאָס מיינט, אַז ער האָט אַליין נישט געדענקט די גענויע דאַטע פון זיין געבורט. די שטוב, וואו ער איז געבוירן געוואָרן, איז געווען אָרעם, ווי עס קען נאָר זיין. דער טאַטע, אַ מלמד, איז געשטאָרבן יונג, איבערלאָזנדיק פאַר דער אלמנה צו שפּייזן און דערציען דריי קליינע יינגלעך. דערצו נאָך איז אין הויז געווען דער מוטערס פאָטער, אַן אַלטער ייד מיט אַ ווייס־גרויער באָרד, וואָס איז געווען אַ סופר. ער האָט איבערגעקוקט תפלין און מזוזות, צי זיי זיינען כשר, האָט אַמאָל

אין אַ יובל געשריבן אַ ספר־תורה פֿאַר חברה־משניות אָדער פֿאַר דעם קצבישן שולכל. קיין גרויסע פּרנסה האָט ער פֿון דעם נישט געקענט ציען און פֿאַר דער טאַכטער, דער אלמנה, איז געבליבן צו זאָרגן אויך פֿאַר דעם אַלטן טאַטן.

יונג און בליענדיק, ווי איך געדענק זי, האָט זי זיך נישט פֿאַר־לוירן. זי איז געוואָרן אַ בעקערין פֿון זיסע געבעקס, וועלכע זי האָט אין די פֿאַרנאַכטן אַרומגעטראָגן צו פֿאַרקויפֿן איבער די באַלעבאַטישע הייזער פֿון שטעטל. אָבער די קינדער האָט זי אָפּגעגעבן אין חדר און שפּעטער אַפֿילו אַוועקגעשיקט לערנען אין ישיבות. ישראל, דער עלטסטער און גראָבסטער פֿון די יינגלעך, האָט געלערנט אין די ישיבות פֿון לאָמזשע און סלאָבאָדקע. ווען ער פֿלעגט אַהיימקומען אויף יום טוב, פֿלעגט ער קומען דאַווענען אין גרערער שטיבל. בעתן דאַווענען פֿלעגט ער שטיין מיטן פּנים צו דער ספרים־שאַנק און האַלטן איינגעגראָבן דעם קאָפּ אין די לאַנגע טאָולען פֿון אַ יורה דעה. איך האָב זעלטן געזען אים מיטדאַווענען מיט קהל.

ווי אַן עלטערער ישיבה־בחור האָט ישראל אַ שטיקל צייט גע־לערנט אַ שיעור צוזאַמען מיט אַנדערע בחורים „גוטע קעפּ" ביי מיין פֿאָטער, הענעך פּלאָקסער. מיין פֿאָטער האָט געהאַט סמיכות אויף רבנות און האָט לאַנגע יאָרן געגעסן קעסט ביי זיין שווער, ר' אפרים גאָלדבראַך, אַ דעם מערקווירדיקן יידן, וועמען שטערן האָט שפּע־טער געווידמעט איינע פֿון זיינע געציילטע פּאָעמעס.

אַ קליינער יינגל — האָב איך זיך נישט איינמאָל אויפֿגעכאַפּט אין די ווינטערדיקע פֿאַרטאָגן, ווייל די בליץ־לאָמפּן האָבן זיך מיט־אַמאָל אָנגעצונדן ביי אונדז אין שטוב און די גאַנצע לופֿט איז פֿול גע־וואָרן מיט דעם געזאַנג פֿון בציבורדיקן תורה־לערנען.

די ערשטע וועלט־מלחמה טרעפֿט שטערנען אין ווין, די הויפּט־שטאָט פֿון עסטרייך־אונגאַרן, וואו ער ווערט אינטערנירט ווי אַ רוסי־שער בירגער. דורך די דאָזיקע עטלעכע יאָר זאַפּט ער זיך אָן מיט די אַלע מאָדערנע פֿילאָזאָפֿישע און ליטעראַרישע שטראָמונגען, מיט וועלכע ווין האָט דעמאָלט געשמט.

שטערן קומט קיין װאַרשע, אָבער מען זעט אים נישט אין די ליטעראַרישע קרײַזן. ער איז גאָר פאַרבונדן מיט עפּעס אַ קיבוץ פון מוסרניקעס אויף סאַפּיעזשינסקע גאַס. עס הייבן זיך אָן באַווייזן זײַנע לידער אין פאַרשיידענע זשורנאַלן, ווי „רינגען", „כאַליאַסטרע", אָבער אָן אַ באַזונדערן אָפּקלאַנג. ערשט ווען אין אַ פרײַטיקדיקן נומער פון „מאָמענט" באַווײַזט זיך זײַנס אַ ליד, ערשט דעמאָלט קומט הערש דוד נאָמבערג צולויפן אין ליטעראַטן פאַראיין, אויף טלאָמאַצקע 13, מיט אַ געשריי: ווער איז דער שטערן? וואו איז ער?

אָבער שטערן שטייט אָן אַ זייט פון אַלע ליטעראַרישע קרײַזן. עס איז געווען דעמאָלט אַ צייט פון אויפברויזן און גרויסן גלויבן אין דער ליטעראַרישער וואַרשע. מאַרקיש איז אַראָפּגעקומען פון רוסלאַנד מיטן געזאַנג פון „צילינדער אויף די פיס און די שטיוול אויפן קאָפּ", אורי צבי גרינבערג איז אָנגעקומען פון זײַן טאַטנס בית־דין־שטוב אין לעמבערג און מלך ראַוויטש פון ווין מיט דעם קילן שאָטן פון שפּינאָזע אין זײַן דיכטונג. עס קומען אויף די „ליטעראַרישע בלעטער", עס דערשיינען אָן אַ שיעור ביכער, די יוגנט פון די חסידישע שטיבער צעשפּאַרט די ווענט פון טלאָמאַצקע 13, ווען דאָרט ווערן אָפּגעהאַלטן די שטורמישע ליטעראַרישע אָוונטן און דיסקוסיעס. אָבער שטערן שטייט אָן אַ זייט פון דעם אַלעם. מען טרעפט אים אין דער „ליטווישער חברה ש״ס", אויף נאַלעווקעס 39, אָדער אין דעם שטיבל פון די „טויטע חסידים" (בראַצלאַווער), אויף דזשעלנע גאַס.

אַלץ מער און מער ווערט שטערן אָפּגעשלאָסן אין זיך, ווי אַ באַזונדערע וועלט, אַפילו ווען ער הייבט זיך שוין אָן באַווײַזן צווישן קאָלעגן שרײַבער. קיינער ווייסט נישט, וואָס שטערן טוט, פון וואָס ער לעבט. איך וועל נישט פאַרגעסן דאָס בילד, ווי אין אַ ווינטערדיקן פאַרנאַכט האָב איך זיך ענדלעך דערקליבן צו דעם „צימער", אָדער ריכטיקער וועט זײַן צו זאָגן צו דער נאָרע, וואו שטערן האָט געוואוינט. אין אָן אײַנגעפאַלענעם אײַזערנעם בעטל, צווישן אַ באַרג מיט שמאַטעס, אַ שווער באַוואַקסענער, איז שטערן געלעגן אין אַ טיפן שלאָף. ער פלעגט אַזוי אויף וואָכן לאַנג „אָװעקגיין" פון דער וועלט